**בס"ד. קטע מרשימת דברי כ"ק אדמו"ר שליט"א בעת ביקור מר שניאור זלמן שז"ר ז"ל, ה' שבט, ה'תשל"ג.**

**רשימה פרטית בלתי מוגה**

[כ"ק אד"ש יצא החוצה לקבל פניו, כשהגיעו לפתח של 770, רמז לו אד"ש שיכנס הוא תחילה, ולא הסכים, לאחרי וויכוח קצר נאות].

שז"ר: ס'איז אזוי קאלט אין נ.י., א מאדנע קעלט, ווי נאר איך גיי ארויס אין גאס גיט די קעלט א קלאפ.

כ"ק אדמו"ר שליט"א: דערפאר האט מען אראפגעשיקט אידען אויף דער וועלט, אז זיי זיי זאלן אנווארעמען, זיי זאלען אריינברענגעןווארעמקייט אין דער וועלט.

כ"ק אדמו"ר שליט"א: שאלו: האם קבל את הטלפון עבורו בארץ? והוסיף: איך בין געווען ער"ח "אוהל" און דער שווער האט איבערגעגעבן אז די נסיעה וועט זיין כשורה.

שז"ר (לא הבין): ביין שווער?

כ"ק אדמו"ר שליט"א: בא מיין שווער.

שז"ר: התרגש מאוד באותו רגע ולחץ בחיבה את ידי כ"ק אד"ש.

שז"ר: בזמן האחורן באו הרבה אנשים לא"י (עולים חדשים) כ-80,70, אלף, והארץ מקבלת את כולם.

כ"ק אדמו"ר שליט"א: אידן? (היינו, ולא גוים בלי גיור כהלכה - המעתיק).

שז"ר: אבער מיט דער סאוועטישער עליה זעען מיר א קלאסישען אויסדרוק פון פולשטענדיקער עם הארצות, זיי ווייסען ניט וועגען אידישקייט, אזא עם עם הארצות איז נאך קיינמאל ניט געווען.

כ"ק אדמו"ר שליט"א: ס'איז ניט קיין עם הארצות, מען דארף עס אנרופן פשטות, זיי זיינען אנשים פשוטים... (כ"ק אד"ש הזכיר כמה פעמים שצריכים לקראות אותם "פשוטים").

שז"ר: זאל זיין אנשים פשוטים, איך בין א חסיד פון די דאזיגע אנשים פשוטים,

זיי וועלן ווירקען אן ענדערען אין לאנד.

שז"ר: מיר דארפען אזוי האפען, זיי האבען אין זיך פארבארגענע כוחות, א געטליכען כח וואס האט זיי געהאלפען בלייבען אידן טראץ דעם סאוועטישען רעזשים.

כ"ק אדמו"ר שליט"א: זיי זיינען אנשים פשוטים, און זייער פשטות פארבינדט זיי מיטן אויבערשטן, פשטוה ה'.

שז"ר: ס'איז א נס ווי מיר קענען זיי אריינעמען אין לאנד.

כ"ק אדמו"ר שליט"א: די גמ' זאגט, אז ארץ ישראל איז ארץ הצבי, פונקט ווי א הירש ווען מען הויט ציט זיך אויס, לויט דער פאדערונג, אזוי קען ישראל ארייננעמען אידען אן א גרעניץ.

שז"ר: פעם למדתי את זה, אבל עכשיו אני רואה את זה.

שז"ר: איך האב דא אייך געבראכט צוויי מאנוסקריפטען, איינער איז א פנים א כתב יד פון רבי "צמח צדק" און דער צווייטער פון מיטעלען רבי'ן, איך האף, אז מען וועט זיי קענען פארעפענטליכען.

כ"ק אדמו"ר שליט"א: הודה לו עבור המתנה, ואח"כ נתן לו במתנה את ה"כתר שם טוב" וגם ה"מגיד דבריו ליעקב".

שז"ר: סיפר אודות ביקורו אצל הרב י.ד.ס. וגם שאל מדוע כמה ספרי חסידות מה"בעל התניא" אינו ניכר אצלו וגם אינו יודע שנדפסו? ואמר אד"ש שיתקנו את זה.

שוב דיברו אודות יהודי רוסי':

שז"ר: דיבר אודותם בהתפעלות,

כ"ק אדמו"ר שליט"א: יש מאמר ידוע מהבעש"ט במקום שרצונו של אדם שם הוא נמצא.

כ"ק אדמו"ר שליט"א: פסיכאלאגען היינטיגע צייטען מיינען, אז זיי האבן דאס אנטרעקט, אבער דער בעל שם טוב האט עס שוין געזאגט לאנג צוריק, די רוסישע אידען ווילען זיין אידען און לעבען צווישען אידען מיט אידישקייט, דער רצון זייערער, העלפט זיי דערגרייכען דעם ציל.

כ"ק אדמו"ר שליט"א: ביקש מהרב חדקוב צו פארשטעלען את האורחים שבאו מחו"ל לכבוד יום ההילולא יו"ד שבט.

כ"ק אדמו"ר שליט"א: דא איז הרב בנימין גאראדעצקי, אונזער פארשטייער אין איראפע.

שז"ר: יא, מיר קענען זיך שוין יארען, מיר זיינען אלטע גוטע פריינט.

כ"ק אדמו"ר שליט"א: און דא איז הרב בן ציון שם טוב פון לאנדאן והוסיף כ"ק אד"ש: ש"פה" (ז.א. עכשיו לכבוד י' שבט) הוא ה"פארשטייער" מהאסורים בסביר.

שז"ר: הוא ג"כ אן אלטער גוטער פריינט.

(כמו"כ נתנו ד"ש הרש"ג, ר' חיים סערעבראנסקי מאוסטרליע, הרב הארוויץ מפאריז, הרב ליבעראוו מלאנדאן, הרב דזשעיקאבס מגלאסגאו, ועוד).

כ"ק אדמו"ר שליט"א: נו, מיר דארפן נאך רעדען וועגען זאכן וואס ס'איז ניט נוגע שישים ריבוא!

(ויצאו כולם מהחדר ונשארו כ"ק אד"ש ומר שז"ר לבדם ודברו במשך שש שעות, - דברו אודות הרבנות הראשית, וע"ד המעשה של האח ואחות, אד"ש אמר לשז"ר שהוא לא יעיין (מישן זיך) בענין זה, ואד"ש גם הזכיר שהרב החדש צריך "רעזיגנירון" מהרבנות הראשית, וגם דברו אודות "מיהו יהודי", ואודות הרב ס. וכו' וכו').